## מילך.

הימל פון סאַמעט, ער הענגט איבער מיר
ווי מאַנטל אַ שוואַרצער אויף אַ מת באַדעקט.
עס ברענען די שטערן -- יאָרצייט-ליכט
שלאָף פון וועלט, מיט טויט-זיין שרעקט.

ליגן גאַסן -- בית-עולם אַלעען --
צעצויגן מיט נאַקעטן גוף.
אַ ווינטל מיט ניגון אַ תּפילה טוט וועען
"אוי הייליק, אוי הייליק איז שלאָף".

שלאָפן די הייזער פאַרשלאָסן, פאַרזונקען
פאַרשטיינט אין אייביקער רו,
וועבן אויס גייסטער, אין שאָטנדע ווינקלען
חלום פון מיטנדערנאַכטיקער שעה.

און פּלוצלינג צערוישן זיך רעדער אויף אַספאַלט
ווי אויף פויקן צעפויקלען זיך פּיסלעך פון פערד
אַ מענטש ווי אַ שאָטן אַ לידל זיך פייפט
און קלאַנג פון קאַנען אין שטילקייט זיך הערט.

.2

אָ, ווער זענט איר, אָטעמדע לעבנס
וואָס אין דער איינזאַמקייט איר אַליין וואַכט
וואָס אויך נישט געטוגנד זינדיקע טאָ
פאַרזינדיקן ווילט איר אויך שלאָפנדע נאַכט?

און ווי אָנגעטריבן פון ווילדע אומרוען
זענט איר צום נאַכטיקן יאָגן פאַרפלוכט
ואַנדערט איר אום אין די אייזאַמע שעהען
ווי איר וואָלט אַ לעזונג אין שוואַרצקייט געזוכט.

"מילך, מילך, מילך" זאָגט דער מילך-מאַן אויף דער וואָגן
"מילך, מילך, מילך" פליסקעט מילך אין בלאַנקע קרוגן,
"מילך, מילך, מילך" טוען פערדישע פיסלעך אויסלויפן,
"מילך, מילך, מילך" ברענגט מען נאָר ווען מענטשן שלאָפן.

דער מענטש ווי אַ שאָטן ער שפּרינגט פונם וואָגן
טירן, טויערן, עפנט, פאַרמאַכט.
עס ווייסן נישט מענטשן, וואָס שלאָפן אין בעטן,
אַז בשורה אַ ווייסע האָט עמעץ געבראַכט.

און רעדלען זיך דרייען, און פּיסלעך, זיי לויפן
פון ווייטנס עכאָט נאָך קלאַנג פון די קריגן,
דער פערד און די רעדער, דער מענטש און דער וואָגן
זיי האָבן די שאָטנס פון נאַכט אויך פאַרטראָגן.

איז אַז ערשטער ליכט-שטראַל פון הימלישן בלוי
טוט חלום פון נאַכט צעשטערן,
באַפרייט זיך די ערד, מיט פרישינקן טוי,
דאָס זענען דער נאַכטס פאַרטרויערטע טרערן.

און אַז טאָג-ליכט אויף וועלט זיך צעשפּרייט,
און נאַכט אין דעם ליכט זיך אויפלייזט,
ליגן נאָך טרערן, וואָס נאַכט האָט פאַרטרערט
נישט פאַרטריקנטע, וואַרטן אויף טרייסט...

און הייזער פון נאַכטיקע שעהען פאַרשטיינט
צערייסן פאַרקישופטן שפּרוך.
טירן, טויערן זיך עפענען אויף,
דורך קוימענס שווימט אויף אַ ווייסינקער רויך.

און געשטאַלטן פון מענטשן אין טיר זיך באַווייזן,
נאַכטיקער שלאָף אין די אויגן נאָך ליגט,
און זע, ווי שלוחים זיך בוקן, אויף דיל, פלעשלעך מילך;
ווייסע מתּנות וואָס נאַכט האָט געשיקט.

יאָסל

---

("אויסטראַלישע יידישע נייעס" זייט 6. פרייטיק 27-טער דעצעמבער 1940.)